דאָס אַלעס נעמט אַראָפּ את רוע הגזירה

און ברענגט פאַר'ן יחיד, פאַר'ן כלל און פאַר כל העולם כולו

אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, בגשמיות וברוחניות גם יחד.

בברכת כתיבה וחתימה טובה
בטוב הנראה והנגלה

ב״ה, ימי הסליחות, ה'תשכ״ג*
— שנת המאה וחמישים להסתלקות —
הילולא של רבנו הזקן —
ברוקלין, נ. י.

אל בני ובנות ישראל
אשר בכל מקום ומקום
ה' עליהם יחיו

שלום רב וברכה!

די טעג פון ראש השנה — ימים נוראים מיט וועלכע דער נייער יאָהר — הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה ולברכה — הויבט זיך אָן, פילן אָן יעדע אידישע האַרץ מיט אַ הייליקן געפיל.

דער דאָזיגער געפיל פון די „פאַרכטיגע טעג" איז אַ פיל טיפערער ווי יראת העונש (מורא פאַר אַ שטראָף ח"ו), אד״ג. די יראה וואָס דערוועקט זיך אין די „ימים נוראים" — איז יראת הרוממות, דער געפיל פון מורא וואָס קומט פון דעם באַוואוסטזיין אַז עס קומט פאַר און אַז מען באַטייליגט זיך פערזענליך אין דער הכתרה („קרוינונג") פון דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא; וואָס דאָס איז דער אינהאַלט פון ראש השנה.

די הכתרה פון דעם באַשעפער פון דער וועלט אַלס מלך על כל הארץ (קעניג פון דער וועלט) וואָס אידן בעטן און פירן אויס אין ראש השנה — באַנייט דעם פערזענלעכן פאַרבונד פון יעדן אידן מיט דעם אויבערשטן;

---

*) נדפס ג״כ בלקו״ש כרך ד' ע' 1354 ואילך. המו״ל.

ימים נוראים . . יראת הרוממות: בדרגא היותר נעלית כיון שנגלה כבוד הדר מלכותו בחי' מל' דא״ס (ראה לקו״ת דברים מח, ב. מח, ד. מט, ד).

הכתרה . . דער אינהאַלט פון ראש השנה: כדמוכח מהבקשה בכל תפלות ר״ה (משא״כ זכרונות ושופרות) מלוך על העולם, והחתימה (וכן בקידוש) מלך על כל הארץ, ובפירש״י (במחזור וויטרי) דאומרים המלך הקדוש (וגם בערבית) לפי שאמר הקב״ה תמליכוני עליכם בר״ה כדכתיב אני ה״א וסמיך לי' בחודש הז'. ולכן גם תק״ש שהיא מצות היום „הענין הראשון" שבזה הוא ש„אנו ממליכין עלינו את הבורא" (רס״ג. הובא באבודרהם).

דעם דירעקטן און פנימיות׳דיקן פאַרבונד פון יעדן יחיד אַלס יחיד, און ניט נאָר אַלס אַ טייל פון דעם ציבור און כלל. די הכתרה ווערט אויסגעפירט דורך דער פערזענלעכער בקשה פון יעדן איינעם און איינער פון אונז, אַז דער אויבערשטער זאָל אָננעמען די הכתרה, און דורכדעם ווערט געשאַפן דער צוזאַמענבינד פון „אנו עמך ואתה מלכנו״ (מיר זיינען דיין פאָלק און דו ביסט אונזער קעניג).

דער באַגריף און געפיל פון דער הכתרה קומט ספּעציעל צום אויס־דרוק אין דער תפילה: אלקינו ואלקי אבותינו, מלוך על העולם כולו בכבודך והנשא . . וידע כל פעול כי אתה פעלתו . . ויאמר כל אשר נשמה באפו ה׳ אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה — דער גאַנצער באַשאַף, און בפרט דער מענטש מיט אַ נשמה, אַנערקענט און אונטערוואַרפט זיך צו דער קעניגלעכער הערשאַפט פון דעם אויבערשטן. די תפילה אונטער־שטרייכט דעם געפיל פון יראת הרוממות, און גלייכצייטיג די אומפאַרמייד־באַרע קאָנסעקווענץ דערפון — די גרייטקייט און באַגער צו מקיים זיין די געבאָטן פון דעם קעניג.

און דעריבער, ניט קוקנדיג וואָס ראש השנה איז דער אַריינפיר אין די עשרת ימי תשובה און איז דער אָנהויב פון די דאָזיגע טעג, ווערט אין די טעג פון ראש השנה ניט געזאָגט קיין תחנון און קיין וידוי אויף הטאים. וואָרום דער געפיל פון פאַראייניקונג מיט דעם אויבערשטן דורך דער הכתרה נעמט אַזוי דורך דעם מענטשן, אַז ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער צער פון די מעשים פון דעם עבר, ווערט עס בטל אין דעם באַהערשנדן געפיל פון יראת הרוממות.

אייגנטלעך איז אויך תשובה — אין דעם טיפערן באַגריף פון דעם, דאָס „אומקערן זיך (צום מקור)״ — אין פולן איינקלאַנג מיט דעם אינער־

---

יחיד אלס יחיד: להעיר מפדר״א פי״א: הלך אדם לעצמו והמליך אותו ראשון ואחריו כו׳. וכמשנה סנה׳ ספ״ד: לפיכך נברא אדם יחידי ללמדך כו׳.

דער גאַנצער באַשאַף: וכל העולמות כולם: עשי׳ יצירה בריאה אצילות (סי׳ האריז״ל).

ניט געזאָגט . . וידוי: שו״ע רבנו הזקן סתקפ״ד ס״ב (מזוהר, כל בו, ב״י שם) וראה שע״ת שם.

ווערט עס בטל: דאף דתק״ש רמז שלו תשובה (רמב״ם הל׳ תשובה ג, ד. נתבאר בארוכה במאמר דר״ה תש״י) וימי ר״ה ג״כ מעשי״ת הם — הרי בתפלות ובקשות העקריות דר״ה לא נזכר זה כלל, ואין בר״ה וידוי דברים (שהוא חיוב ומ״ע בתשובה (רמב״ם ריש הל׳ תשובה) ופשיטא ד„שלא ליתן פ״פ למקטרג״ — לא יבטל מ״ע), ואין בו קרבנות תשובה וכו׳. — אלא שכל ענין התשובה בר״ה הוא בכדי שתתקבל ההכתרה (המשך ר״ה תש״ג: רד״ה שהמ״מ, סד״ה טו״ט) ולכן אין ענינה בוידוים ולא לתקן החסר (המשך ר״ה תרצ״ה פי״, כד) והתיקון בא „בעשי״ת הבאים לאחר ר״ה״ (לקו״ת דברים מט, ד). ואדרבה „לכאורה מה ענין בכי׳ אל ר״ה, אך הבכי׳ . . בענין למיהוי קדם מלכא״ (לקו״ת שם נה, ד). וה„יתודה בלחש״ הוא ג״כ ענין געגועים (לקו״ד ע׳ 102). ואכ״מ.

תשובה . . אומקערן זיך (צום מקור): לקו״ת ר״פ האזינו.

לעכן אינהאַלט פון ראש השנה, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם געדאַנק פון הכתרה.

ערשט נאָך ראש השנה הויבן זיך אָן די ווייטערדיקע ענינים פון תשובה, חרטה על העבר און קבלה על להבא, מיט וידויים און סליחות וכו׳ — אַלס מוכרח׳דיגער אויספיר פון דער הכתרה פון ראש השנה: די באַוואוסטזיניקייט פון דעם באַנייטן און פאַרשטאַרקטן פאַרבונד און פאַר־איינציקונג מיט דעם מלך — מוז דערוועקן דעם רצון און באַשלוס צו זיין ראוי דערצו, און דאָס פאַרפליכטעט דעם מענטשן צו באַזייטיגן אַלעס וואָס שטערט דעם פאַרבונד: די פשעים, עוונות און אַפילו חטאים (בשוגג).

* * *

לײדער מוז געזאָגט ווערן, אַז צוליב פאַרשידענע סיבות זיינען געווען יאָרן און ערטער וואָס די גייסטיגע דערהויבונג פון ראש השנה און עשרת ימי תשובה איז ניט אויסגענוצט געוואָרען אין דער געהעריגער מאָס. די ימים נוראים זיינען אַוועק, און אין מאַנכע קהילות און בײַ כמה יחידים איז די באַגייסטערונג אויסגעוועפט געוואָרן און עס האָט זיך ניט געמערקט די ענדערונג און אויסבעסערונג אין דעם פערזענלעכן טאָג־טעגליכן לעבן וואָס מ׳האָט געדאַרפט דערוואַרטן בײַ יעדן אידן מאַן אָדער פרוי, ובמילא האָט געפעלט אויך די פאַרבעסערונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

איינע פון די הויפט סיבות דערפון איז, וואָס מ׳נוצט ניט אויס די דערהויבנקייט און די באַגייסטערונג פון די ימים נוראים אין אַן אופן וואָס זאָל אָנרירן דעם זיך אַליין, נאָר אויף ענינים וועלכע זיינען נוגע אַנדערע. ניט זעלטן ווערן די דאָזיקע טעג אויסגענוצט אויף אַלגעמיינע לאָזונגען און וועלט־פּראָבלעמען; „מעסעדזשעס״ וועלכע פאַרפליכטן קיינעם ניט בכלל, און זיכער קיינעם ניט אין די אייגענע ד׳ אמות. דאָס „באַפרידיגט״ אַלעמען און מען האָט אויך די „באַרעכטיגונג״ אויף דעם, וואָרם ראש השנה נעמט דאָך אַרום די גאַנצע בריאה, און עס פעלן ניט אויס אין דער וועלט, אַלגעמיינע „גרויסע״ ענינים וועלכע פאָדערן אַ פאַרבעסערונג אָדער ענדערונג.

און דער רעדן, קאָכן זיך און אָננעמען פעסטע באַשלוסן אין אַזעלכע הויכע וועלט־פּראָבלעמען (וואָס אין די מייסטע פאַלען — קענען די באַשליסער סיי ווי גאָר ניט אויפטאָן אין זיי) — איז דאָך אַ באַקוועמער און „שיינער״ אויסרייד פאַר ניט אָפּגעבן די בויטיקע און לעבענסוויכטיקע פולע אויפמערקזאַמקייט צו זיין פערזענליכן חשבון הנפש און צו זיין טאָג טעג־ליכן לעבן (וואָס דוקא אין דעם האָט זיין באַשלוס די פולע ווירקונג).

---

ערשט נאָך ראש השנה: ראה תורת הבעש״ט עה״פ כי לולא התמהמנו (קובץ מכ׳ תהלים*).

אויפמערקזאַמקייט ... טאָג טעגליכן לעבן: להעיר גם מקונטרס העבודה פ״ה ואילך.

---

*) בסוף תהלים אהלי י״י אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע ח״ד ע׳ קלא. המו״ל.

די באוואָרענונג קעגן דעם ווערט אונטערשטראָכן אויך אין דער מצוה פון תקיעת שופר — די איינציקע און ספּעציעלע מצוה וואָס איז חובת היום פון ראש השנה. די מצוה פון תקיעת שופר איז ניט אַ צו־זאַמענשטעל פון אַ סך כלי זמר, נאָר דוקא איין כלי, און דאָס אויך — ניט אַ קאָמפּליצירטן מוזיקאַלישן אינסטרומענט וואָס זאָל אַרויסברענגען איבערגעוויינלעכע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס. דער שופר איז דוקא אַ פּשוט'ער האָרן פון אַ בהמה, און „כל הקולות כשרים בשופר". דער שופר אונטערשטרייכט אַז די אָריענטירונג דאַרף זיין, קודם כל, אויף דעם יחיד אויף דעם זיך אַליין, און אַז דער טראָפּ מוז געשטעלט ווערן אויף אַריינ־ברענגען קדושה אַפילו אין די פּשוט'ע און געוויינלעכע ענינים פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון דעם יחיד, און דערנאָך אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם יחיד אַלס אַ טייל פון דעם ציבור אאַ"וו.

* * *

ויהי רצון — דער אויבערשטער זאָל העלפן אַז יעדער איד, מאַן אָדער פרוי, און בפרט די גייסטיגע פירער, זאָלן אויסנוצן די הייליגע מאָמענטן און די אינערע נשמה התעוררות פון די ימים נוראים ניט אויף אַלגעמיינע וועלט אָדער מדינה פּראָבלעמען, (וואָס ווי וויכטיג די דאָזיגע פּראָבלעמען זאָלן ניט זיין, זיינען ניט זיי דער ענין פון ראש השנה און עשרת ימי תשובה, ניט פאַר דעם יחיד און ניט פאַר דער קהילה), נאָר אויף דעם דרינגענדעם רוף פון די טעג — דעם רוף צום תמליכוני עליכם אָננעמען דעם אויבערשטן אַלס מלך, זיין פּערזענלעכן מלך — און די קאָנסעקווענץ דערפון — דעם רוף צו תשובה, תפילה, צדקה, וואָס דאָס אַלעס מוז זיך אָנהויבן באַ זיך און פון זיך, און דערנאָך אַרום זיך, אין דער קהילה און ווייטער.

און די גייסטיגע דערוואַכונג און אויפלעבונג פון די דאָזיגע טעג זאָלן באַלייכטן און דורכדרינגען אַלע טעג פון יאָר. און זאָלן ברענגען צו אַ טיפערען פאַרבונד פון יעדן אידן מיט דעם אויבערשטן, אַ פאַרבונד וואָס וועט זיך אויסדריקן אין דעם טאָג טעגליכן לעבן לויט און אין איינ־קלאַנג מיט דער ג־טלעכער תורה און ג־טלעכע מצוות. און די ענדערונג

---

דוקא איין כלי: שו"ע או"ח סתקפ"ו (ראה שם שו"ע אדה"ז ס"י).

כל הקולות כשרים: ר"ה כז, ב.

די גייסטיגע פירער זאָלן אויסנוצן: ראה שו"ע אדה"ז סתכ"ט סוס"ב.

די דאָזיגע טעג . . אַלע טעג פון יאָר: וכמו ראש (השנה) המחי' ומנהיג את כל האברים (ימי השנה) (עטרת ראש בתחלתו).

צום גוטן אין גייסטיקן לעבן וועט זיכער ברענגען אַן ענדערונג צום גוטן אין מאַטעריעלן לעבן, אַז עס זאָל זיין אַ געבענטשט יאָר אין אַלע הינזיכטן.

בברכת כתיבה וחתימה טובה
לשנה טובה ומתוקה בטוב
הנראה והנגלה

---

אין מאַטעריעלן לעבן: כי הדין בר״ה לעניני עוה״ז (הרמב״ן הובא בהגמי״י פ״ג מהל׳ תשובה. לקו״ת דברים נט, ב). וג״ז תלוי בההכתרה וכו׳ כי ע״ז נמתקים כל הדינין ובאור פני מלך חיים (לקו״ת במדבר עב, ב).

ב״ה, ימי הסליחות, ה׳תשכ״ד
ברוקלין, נ. י.

אל בני ובנות ישראל
אשר בכל מקום ומקום
ה׳ עליהם יחיו

שלום רב וברכה!

ראש השנה איז באַשטימט דורך דעם בורא (באַשעפער) — ניט אין דעם טאָג ווען די וועלט אין אַלגעמיין איז באַשאַפן געוואָרן, נאָר אין דעם טאָג ווען אדם הראשון — דער מענטש — איז באַשאַפן געוואָרן.

די ערקלערונג פון דעם:

מיט דער באַשאַפונג פון דעם מענטשן איז די גאַנצע בריאה פון אַלע זעקס ימי בראשית ניט נאָר פאַרענדיגט געוואָרן, נאָר זי איז אויך דערגענצט און פאַרפולקאָמט געוואָרן.

דערמיט איז דערגרייכט געוואָרן די שלימות פון דער בריאה — ניט נאָר מצד דעם וואָס דער מענטש איז די העכסטע באַשעפעניש, נאָר צוזאַמען דערמיט אויך דערפאַר וואָס דער מענטש איז די באַשעפעניש וואָס קען און דאַרף און וועט, סוף כל סוף, ברענגען אַלע אַנדערע טיילן פון דעם באַשאַף צו זייער שלימות.

---

די ערקלערונג: בקצרה ובאופן אחר קצת — ראה מכתב לר״ה תשי״ד, תשט״ז *.
אויך דערגענצט: בחדא״ג מהרש״א (ר״ה כז, א): כאילו לא נברא שום דבר קודם בריאת אדם. ועיין המשך זה היום דשנות תשי״ד, תש״ט.
ברענגען אַלע אַנדערע: ראה ב״ר (פי״א, ו): כל מה שנברא כו׳ צריכין עשי׳. בלקו״ת נשא כו, ב.

---

*) נדפסו לעיל ע׳ 414, 417. המו״ל.